


# תורת יואל

גליון מס' 100

אידיש

## מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת האזינו תשפ"ו

## האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי, יערוף כמטר לקחי וגו'

שטייט אין די גמרא (תענית ז, א.) **כל העוסק בתורה לשמה, תורתו נעשה לו סם החיים, וכל העוסק בתורה שלא לשמה נעשית לו סם המות,** טייטש: ווען א איד לערנט תורה לשמה, לשם שמים נאר פאר דעם באשעפער'ס וועגן, ווערט די תורה א סם החיים א לעבן'ס מעדעצין, אויב חלילה לערנט מען צו געפעלן די מענטשן ארום, ווערט די תורה א סם רח"ל.

און די גמרא לערנט דאס ארויס פון פסוק **יערוף כמטר לקחי,** ערופה מיינט הארגענען, ווי עס שטייט ביי די עגלה ערופה: **וערפו שם את העגלה בנחל,** טייטש: מען האט אפגעהאקט דעם קאפ פאר די קעלבל, זאגט די הייליגע גמרא, אז רעגן-וואסער קען זיין אמאל א ברכה, און צומאל חלילה פארקערט.

פרעגט דער רבי, פארוואס גלייכט די גמרא צו, לימוד התורה דוקא צו מטר - רעגן, וואס איז דער שייכות?

אין פרקי דר' אליעזר, ווערט געברענגט אן ערקלערונג אויף די פארשידענע מיני רעגנס וואס מיר זעהן, איין מין: ווען די וואלקענעס שעפן וואסער פון די תהומות (אפגרונד), און דער באשעפער הייסט וואו עס זאל רעגענען, אזא רעגן איז אבער נישט קיין געבענטש'טער רעגן, דאס איז מער א שטורעם וואס פארוואסערט די ערד.

א ריכטיגע גשמי ברכה - א געבענטשטער רעגן איז ווען דער באשעפער עפענט אויף די הימלישע אוצרות און שיקט אראפ א ברכה'דיגע רעגן, ווי דער נביא ישעי' זאגט **כי כאשר ירד השלג והגשם מן השמים,** אז מיר זענען זוכה, און דער באשעפער וויל אונז שיקן א ברכה, קומט די וואסער און רעגן פון הימל ממש, אויב ליידער מיר זענען נישט ווערט, רעגענט וואסער וואס קומט פון די אונטערשטע תהומות.

אין די גמרא (פסחים נ, ב) פרעגט די אמורא רבא, א סתירה פון צוויי פסוקים אין תהילים, אין קאפיטל נ"ז שטייט **כי גדול עד שמים חסדך** טייטש: דיין חסד דערגרייכט ביז דעם הימל, ווייטער אין קאפיטל ק"ח שטייט **כי גדול מעל שמים חסדך** אז די חסד ד' גרייכט העכערן הימל, ענטפערט רבא, **כאן בעושין לשמה** ווען מען טוט דעם רצון ד' לשמה, נאר פאר דעם באשעפער, קומט דער חסד פון העכער דעם הימל, **וכאן בעושין שלא לשמה,** אויב חלילה פארקערט, מען דינט נישט דעם באשעפער ווי עס ברויך צו זיין, קומען די השפעות פון א נידעריגע פלאץ.

פיהרט אויס דער רבי - וועגן דעם האט די גמרא ארויסגעלערנט **כל העוסק בתורה לשמה.....** פון דעם פסוק **יערוף כמטר לקחו,** און די גמרא גלייכט צו תורה צו רעגן-וואסער, ווייל ביידע ענינים ווענדט זיך אין מעשי אדם, ווי אזוי א מענטש פיהרט זיך, אזוי קומען די השפעות.

דער רבי זי"ע ענדיגט מיט הייליגע ברכות:

**השי"ת יזכנו:** דער באשעפער זאל אונז מזכה זיין, **שנהיה מהזוכים לעסוק בתורה לשמה:** מיר זאלן זיין פון דיע וואס לערנען לשמה, **ונזכה לכל הברכות שהבטיחה התורה הקדושה:** מיר זאלן זוכה זיין צו אלע ברכות פון די תורה הקדו', **ולגאולה שלימה במהרה בימינו אמן.**

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

# מיין מעשה

**הרה"ג מטשענסקאוויטץ שליט"א**

עשי"ת תשל"ח, די הימלען זענען פארוואלקענט, און מען קען נישט מקיים זיין די חודש'ליכע מצוה פון קידוש לבנה, מוצאי יוה"כ און אלע טעג ביז יו"ט סוכות איז נישט געווען קיין כשר'ע לבנה, ביז הערשט ערב סוכות אווענט, ליל ט"ו האט זיך עטוואס אויסגעקלארט, און דער גאנצער ציבור האט מחדש געווען די לבנה, נאך מנחה.

איז דאן ארויס א שמועה, ווי גלייך דער רבי האט געזאגט אז קומענדיגע יאר, זאל מען נישטווארטן אויף מוצאי יוה"ק, נאר מען זאל מחדש תיכף ווען מעגליך, וואס איז לכאורה אין קעגנזאץ צו די סיגעט'ע מסורה, צו ווארטן אויף מוצי"כ, און ס'איז געווען א שטארקע וואונדער דער פסק, ווייל אין די צייטן פון דעם יטב לב, איז אויך געווען אזא מצב, (עי' יט"ל פרשת האזינו אות ח') און דער יטב לב האט נישט געהייסן טוישן דעם מנהג.

די שמועה האט מיך פרעזענליך געבאדערט, און קומענדיג יאר פאר די הייליגע טעג תשל"ט, ווען איך בין אריין אל הקודש פנימה, מיט מיין פאטער הרה"ק מטשענסקאוויטץ זצ"ל, האב איך געבעטן מיין טאטע, ער זאל אליינס פרעגן דעם רבי'ן, זאגט מיר מיין טאטע, עס ווענדט זיך וויאזוי דער שמועס וועט גיין, וועל איך פרובירן.

אריינקומענדיג, רופט אויס ר' עזריאל הויך צום רבי'ן, רבי שמואל טשענסקאוויצער איז דא, דער רבי האט זיך צושמייכלט אוון זאגט הויך, עזריאל!! איך קאן שמואל נאך פאר די קאנסט אים!!! מיין טאטע האט געזעהן א ס'איז א שעת הכושר, זאגט ער וויל פרעגן דעם רבי'ן, לגבי קידוש לבנה בחודש תשרי, צו מען זאל ווארטן ביז נאך יוה"ק אדער נישט.

ר' עזריאל גליק ז"ל, האט זיך אנגעהויבן בייזערן, אזוינע שאלות פרעגט מען די דיינים, זאגט מיין טאטע אז ער וויל הערן פון רבי'ן אליינס, האט דער רבי געענטפערט, "מען האט ביי אונז אלץ געווארט אויף מוצאי יוה"ק, **מען זאל ווייטער ווארטן.**

**משיעורי הרה"ג ר' ישעי' ליכטענשטיין שליט"א - מו"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר**

## ידיעות קאלום

**מנהג טעמו ומקורו**

## בינדען דעם לולב, חיוב אדער מצוה?

די מחלוקה איז אין מסכת סוכה, די רבנן האלטן ס'איז נאר א מצוה וועגן **זה קלי ואנוהו**, רבי יהודה האלט אז ס'איז יא א חיוב, א לימוד פון מצות אזוב, דער רמב"ם פסק'נט ווי די רבנן, ווייל ער שרייבט **ומצוה מן המבחר לאגוד**, זעהן מיר אז ס'איז נאר א מצוה, אזוי אויך האלט דער רא"ש, און דער מחבר אין שו"ע איז אזוי קובע להלכה, אז ס'איז נאר א מצוה, והטעם וועגן נוי - באשיינען די מצוות, (זה קלי ואנווהו).

רש"י איז מבאר, אז אפי' לויט די רבנן, וואס ס'איז נאר א מצוה, מוז עס אויך זיין בקשר גמור, סתם א כריכה אדער עניבה איז נישט גענוג, און דער מחבר פסק'נט אזוי, אז מען מוז מאכן א קשר ע"ג קשר.

דער אבני נזר אין א תשובה איז מבאר דעם טעם, פארוואס ס'מוז זיין א קשר גמור, ס'איז דאך לכאורה נאר א הידור, ווייל די גמרא לערנט ארויס פון כפת תמרים, וויבאלד ס'שטייט נישט וכפת, מיינט דאס אז דער אתרוג מוז נישט זיין געבינדען מיט די אנדערע מינים, נאר די לולב הדס וערבה, ווייל ביי די שטייט יא א וי"ו, אויב אזוי מוז עס זיין א לקיחה תמה, מיט א קשר גמור.

דער רמ"א זאגט, אויב מ'האט פארגעסן צו בינדען דעם לולב, אדער ס'האט זיך געעפנט אום יו"ט, טאר מען זיכער נישט מאכן קיין קשר גמור

* * * * *

### קיישעלע

אונזער אנגענומענער מנהג, איז צו נוצן א קיישעלע, וואס האט באזונדערע אפטיילונגען פאר יעדע מין, וואס לכאורה איז דאס ווייט נישט קיין קשר גמור, אין ספר **טעמי המנהגים**: שטייט א טעם צו אונזער מנהג, בשם דער שר שלום פון בעלז זצ"ל, וויבאלד די ד' מינים זענען מרומז צו די **שם הוי'**, און דער שם דארף זיין געשריבן, יעדע אות נאנט איינס צו צווייטן, אבער טארן זיך נישט אנרירן, די זעלבע מיט די ד' מינים, דארפן זיין נאנט אפי' זיי רירן זיך נישט אן, ממש.

די קיישעלע, האט צוגעברענגט א גרויסע מחלוקת הפוסקים, צו דאס הייסט א קשר, דער הייליגער חת"ם סופר פסק'נט להלכה, אז ס'איז נישט גענוג, אזוי אויך שטייט אין ביכורי יעקב, כאטש ער איז מודה און שרייבט: **העולם אין נזהרים לאוגדו.**

פון די תלמידים פון בעל התניא, אין קונטרס אחרון, שטייט שארף קעגן נוצן נאר א קיישעלע, און דער מנהג אין חב"ד איז, אז מען מאכט נאר א קשר ע"ג קשר אויף די דריי מינים, אזוי אויך איז מנהג באבוב.

**מנהג אבותינו**, סיגוט-סאטמאר, איז יא צו נוצן א קיישעלע, רביה"ק פלעגט צוזאם בינדען די דריי מינים מיט צוויי רינגעלעך, און דערנאך אריינלייגען אין די קיישעל, (די דריי רינגלעך אויפן לולב - לנוי - האט דער משב"ק געמאכט) ווי הר"ר עקיבא וויינשטאק דערציילט, אז די 9 הדסים האבן געהאט באזונדערע קיישעלעך, איינס פאר יעדן הדס, און די ערבות איז געווען לויז, און דער רבי האט מיט איין קשר געבינדען די 9 קיישעלעך מיט די הדסים, און די ערבות, און דער לולב, און אזוי אריינגעשטופט אין די גרויסע קיישעלע

די מצוה פון **אגד**, איז א מצוה ווי אלע מצוות, און ס'איז שייך דער כלל פון מצוה בו.. אבער דער ריטב"א בשם הרמב"ן ברענגט, אז א צווייטער זאל מאכן דעם איגוד המינים, כדי ער זאל נישט נתחייב ווערן מיט א שהחיינו בשעת האיגוד, אזוי אויך פסק'נט דער כף החיים.

למעשה אין שו"ע שטייט נישט די הלכה, און מיר פיהרן זיך צו בינדען די אייגענע מינים, **רביה"ק** פלעגט אליינס בינדען די מינים ערב יו"ט אין די סוכה, אבער נאר דער קשר און נישט די רינגעלעך אויפ'ן לולב, דער עצי חיים פלעגט אליינס ארויפלייגן די רינגעלעך אויך, אזוי אויך האט רביה"ק געטוישט די ערבות יעדן טאג, אפי' דעם ערשטן טאג האט ער אויך געטוישט, און נישט גענוצט די ערבות פון בשעת'ן בינדען.